# עונג שבת



גוט שבת אלע אידן. איינע פון די ברכות וואס דער אויבערשטער זאגט אונז צו אויב אידן היטן די תורה איז "...והייתי לכם לאלקים ואתם תהיו לי לעם." די לשון ווייזט אויף א מין שידוך צווישן אונז און דעם רבונו של עולם, ד"ה "והייתי לכם... ואתם תהיו לי..." אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "אני לדודי ודודי לי וגו'" (שיר השירים ו,ג) טאמער אידן היטן די מצוות, וועט דער אויבערשטער זיין אונזער ג-ט, און גיין די אידן זיין דער אויבערשטער'ס פאלק. מען זעט אז די ברכה איז מקוים געווארן דורך די פונקטליכע השגחה פרטית מיט וואס דער אויבערשטער פירט אונז. וויבאלד אז דער אויבערשטער האט אונז אויסגעקליבן פון אלע פעלקער, וויל דער אויבערשטער זען אונזער הצלחה. איז לאמיר יעצט פארציילן ווייטער די מוראדיגע השגחה פרטית מעשה פון לעצטע וואך.

...דעם נעקסטען טאג אינדערפרי איז דער גוי דזשאן (דער וואס האט געארבעט מיט אברהם אין דעם סטייעט דעפארטמענט) געקומען צו אברהמ'ס דירה כדי אים צו נעמען מיט דעם קאר צו דער ארבעט. ווען אברהם איז אריינגעקומען אין דעם קאר, האט דזשאן געזאגט פאר אים אז די היינטיגע פלענער זענען צו פארן מיט א העליקאפטער קיין סייפריס (אן אינזאל לעבן א"י) און נאכדעם קיין סוריה. אברהם איז געווארן ערשטוינט. ווי אזוי האט דער בבא סלי געוואוסט אז אברהם וועט טאקע זיין אין סוריה?!? א שטיק צייט שפעטער זענען זיי געוועז אויף א העליקאפטער קיין סוריה, ווען דער העליקאפטער האט זיך אנגעהויבן שטארק צו שאקלען. דער פיילאט פונעם העליקאפטער האט נישט געוואוסט וואס וועט זיין.

אברהם האט געציטערט בשעת דער העליקאפטער איז אראפגעגאנגען. ב"ה אז דער העליקאפטער האט זיך געלאנדעט בשלום. "וואו זענען מיר?" האט אברהם געפרעגט דעם פיילאט. "מיר זענען יעצט אריינגעקומען קיין סוריה." אברהם איז ארויסגעקומען פונעם העליקאפטער צו דעם היץ פונעם מדבר. אברהם האט זיך דערנענטערט צו א אלטען בנין וואס איז געווען בערך א האלבע מייל אוועק פון דארט, וואו דער העליקאפטער איז געשטאנען. עפעס האט געשלעפט זיין אינטערעס אין דעם בנין און ער האט זיך גענומען גיין דארט. ער האט געקענט זען פון ווייטענס אז דער בנין איז געווען פיל מיט לעכער אזוי ווי איינער האט אפגעשאסן דעם גאנצען פלאץ. בשעת ער איז געגאנגען צו דעם בנין, האט אברהם פלוצלינג באמערקט א מענטש שטייען אויף זיין רעכטע זייט. אברהם האט געמיינט אז עס איז געווען סתם דמיונות, ווייל דער מענטש איז ממש ארויסגעקומען פון ערגעץ נישט! דער מענטש איז געווען אן אראבער. ער איז געקומען נענטער צו אברהם און ער האט אים געפרעגט אין א צובראכענע ענגליש אויב ער איז אן אמעריקאנער. אברהם האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, ווייל כאטש אפילו זיי האבן באמת רשות געהאט צו זיין אין סוריה, איז עס נאך אלץ געווען א גרויסע סכנה ווייל דער העליקאפטער האט זיך געלאנדעט אין א מיליטערישע געגענט.

"איך מוז רעדן מיט דיר. איך בין א גוטער מענטש." האט דער אראבער געזאגט צו אברהם אין א צובראכענע ענגליש. "עפעס באדערט מיך, און איך דארף עס דורכשמועסען מיט איינעם." האט דער אראבער געזאגט ווייטער. "איך בין א סורי (א מענטש פון סוריה), א סאלדאט, און מיין תפקיד איז צו היטן די בית הסוהר (מיליטערישע תפיסה) וואס איז דא אין די געגענט. זיי האבן גענומען א יהודי אין תפיסה אריין און זיי האבן אים געפייניגט. ער איז נפטר געווארן און זיי האבן אים ארויסגעווארפן אין די מדבר... שפעטער האב איך אים באגראבן."

"וואס איז געווען זיין נאמען?" האט אברהם געפרעגט דעם אראבער. "זיין נאמען איז געווען 'דאאדבא'!" (די משפחה נאמען פון יענער עגונה וואס דער בבא סלי האט דערמאנט.) אברהם האט כמעט געחלשט. "ווארט איין מינוט," האט אברהם געזאגט פאר דעם אראבער, און דאן האט ער גערופן דזשאן, וואס איז אויך געקומען אויף דעם העליקאפטער. דזשאן איז צוגעקומען און אברהם האט געבעטן פונעם אראבער אז ער זאל עס זאגן נאכאמאל, ווייל אברהם האט געוואלט מאכן זיכער אז ער האט ריכטיג געהערט! דער אראבער האט פארציילט די זעלבע מעשה פאר דזשאן. אברהם האט גערעדט מיט דזשאן אויפן זייט, און דאן האט ער געוואלט רעדן ווייטער מיט דעם אראבער. אבער, דער אראבער איז פלוצלינג נעלם געווארן!

אברהם האט געציטערט אזוי שטארק אז ער האט כמעט נישט געקענט האלטן אין זיין האנד דעם קאפ וואסער וואס דזשאן האט אים געברענגט. ב"ה אז דער פיילאט האט פארראכטען דעם העליקאפטער. דזשאן האט מחליט געווען גלייך אהיימצופארן ווייל אברהם האט אויסגעקוקט אזוי שוואך, אז דזשאן האט אים געוואלט גלייך אהיימנעמען. זיי זענען געפלויגן צוריק קיין סייפריס און דאן קיין א"י. ביז זיי זענען אנגעקומען קיין ירושלים האט אברהם געהאט א פיווער. אברהם איז גלייך געגאנגען אין בעט אריין.

דעם נעקסטען טאג האט רב עבדיה יוסף גערופן אברהם און אים געפרעגט אויב ער איז געוואר געווארן עפעס וועגן דעם מאן פון יענער עגונה. שפעטער אין דעם זעלבען טאג, האט אברהם זיך געטראפן מיט רב עבדיה אין זיין אפיס. דארט האט אברהם פארציילט פאר אים די מוראדיגע מעשה וואס איז געשען אין סוריה דעם פאריגען טאג. (שפעטער האט אברהם זיך געטראפן נאכאמאל מיט דעם בבא סלי, וואס האט געבעטן פון אברהם אז אברהם זאל נישט פארציילן די מעשה פאר קיינעם נישט, ביז זיבן יאר נאך דער בבא סלי'ס הסתלקות.)

איין פראבלעם איז אבער געבליבן: די שאלה אויב מען קען זיך פארלאזן אויף א גוי צו מתיר זיין אן עגונה? רב עבדיה יוסף האט געזאגט פאר אברהם אז ווען אברהם קומט צוריק קיין אמעריקע זאל ער פרעגן א שאלה ביי הרב יוסף ברויער, הרב יעקב קאמענעצקי און הרב משה פיינשטיין. אברהם האט מסכים געווען, אבער ער האט נישט געפלאנט צו זיין צוריק אין אמעריקע ביז א יאר ארום! וואס וועט זיין מיט דער עגונה!

ווען אברהם איז אהיימגעקומען האט זיין רביצן פארציילט אז זי האט באקומען א טעלעפאן קאל פון אמעריקע אז ליידער איר טאטע איז געווארן פלוצלינג נישט געזונט, און זיי האבן געדארפט כאפן דעם נעקסטען פלייט אהיים קיין אמעריקע. נאכאמאל האט אברהם געזען דעם האנד פונעם אויבערשטען.

אברהם האט גערופן דעם סטייעט דעפארטמענט, און זיי האבן גלייך מסכים געווען צו לאזן אברהם אהיימפארן. נישט נאר דאס, אבער זיי האבן געזאגט אז אברהם זאל בלייבן וואוינען אין אמעריקע און נאר צוריקפארן קיין ארץ ישראל ווען ער האט געדארפט.

אין אלול זענען זיי שוין געווען אין אמעריקע און אברהם איז גלייך געגאנגען פרעגן די עגונה שאלה ביי רב יוסף ברויער, דער רב פון דער יעקישער קהילה אין וואשינגטאן הייטס. רב ברויער איז געווען דעמאלט בלינד נעבאך, אבער ער האט פונדעסוועגן געברענגט 24 מקורות בעל פה צו מתיר זיין די עגונה. דאן איז ער געגאנגען צו רב יעקב קאמענעצקי וואס האט אויך געברענגט 24 מקורות צו מתיר זיין די עגונה. סוף כל סוף איז אברהם געקומען צו רב משה פיינשטיין וואס האט פארגעשטעלט 31 מקורות צו מתיר זיין די עגונה! נאכדעם וואס אברהם האט פארציילט די ווערטער פון די רבנים צו רב עבדיה יוסף, האט ער געפסקענט אז די פרוי מעג נאכאמאל חתונה האבן.

אברהם האט דעמאלט געפלאנט זיין נעקסטע נסיעה קיין ארץ. אבער, עטליכע וואכן שפעטער האט זיך אנגעהויבן דעם יום כיפור מלחמה אין א"י, און די אמעריקאנער האבן מבטל געווען אלע אמעריקאנער פראגראמען וואס האבן געשטיצט סקולס אין די געגענט.

די מעשה האט אן אינטערעסאנטע המשך וואס מיר גיין פארציילן ווייטער נעקסטע וואך בעזרת ה' יתברך. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר יוסף בלומינג הי"ו לרגל שמחת אירוסי בתו בשעטומ"צ

נתרם לרפואה שלימה של עמרם בן לאה, שאשא מלכה בת גאלדא, מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, ודוב בן רחל בתוך שאר חולי ישראל

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג 3234-362 (845)